שטערן 4-3 מערץ 1939

# אינהאַלט


זייט

דער אכצנטער צוזאמענפאָר פון דער פּאַרטיי פון לענין־סטאַלין . 1

80 יאָר, זינט ס'איז געבאָרן געוואָרן דער באַליבטער פאָלקס־שרייבער שאָלעם־אַליכעם . . . . . . . 8

שאָלעם־אַלייכעם און דאָס פאָלק (לייטאַרטיקל) . . . . 10

ל. טאַלאַליי — מאָטל פייסי דעם כאַזנס (לידער . . . . 14

אײַזיק פלאַטנער — שאָלעם־אַלייכעם (לידער) . . . . . 17

ש. שקאַראָווסקי — היגיענע (א דערציילונג וועגן שאָלעם־אַלייכעמען) . 20

מ. גרוביאַן — ליד . . . . . . . . 28

פ. פלאָטקין — א שמועס מיט שאָלעם־אַלייכעמס פּאָרטרעט (ליד) . 29

מ. כאַשטשעוואַצקי — צו גאַסט אינדערהיים (אויסצוג פון א פּיעסע) . 32

אורי פינקעל — צווישן די קיִעווער שרייבער (פון בוך „שאָלעם־אַלייכעם") . 42

ש. לאָפּאַטין — א בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען פון ביראָבידזשאַן (ליד) . 47

ש. גאָלדענבערג — לידער . . . . . . . 49

וואָלף (וועוויק) ראַבינאָוויטש — שאָלעם־אַלייכעמס ליטעראַרישע אָוונטן אין בעלאָצערקאָוו . . . . . . . . 52

י. ל. פּערעץ וועגן שאָלעם־אַלייכעמען . . . . . 57

מ. ווינער — דער באַטײַט פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור ביז צו מענדעלען . . . . . . . . 60

אי. דרוקער — סאַטירע אין שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן . . . 71

י. סערעבריאַני, ל. דושמאַן — אייניקע מאַטעריאַלן צו דער כאַראַקטעריסטיק פונעם יונגן שאָלעם־אַלייכעם . . . . 83

א וואָראָבייטשיק — אין אן אָפּגעלעגן ווינקעלע . . . . 91

ס. נעלס — טעוויע־מיכאָעלס . . . . . . . 115

מ. סאָקאָל — מײַן ארבעט איבער „טעוויע דער מילכיקער" . . . 128

ארכיוו־מאַטעריאַלן וועגן שאָלעם־אַלייכעמען . . . . . 132

125 יאָר, זינט ס'איז געבאָרן געוואָרן דער גרויסער אוקראַאינישער דיכטער, רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַט — טאַראַס גריגאָריעוויטש שעווטשענקאָ . . . . . . 138

ט. ג. שעווטשענקאָ — צוואָע (יידיש ד. האָפּשטיין) . . . . 140

„ „ — לידער (יידיש ד. האָפּשטיין) . . . . 141

„ „ — פון דער פּאָעמע „קאַטערינאַ" (יידיש — מ. כאַשטשעוואַצקי) . . . . . . . . . 44

מ. ליפשיץ — טאַראַס שעווטשענקאָ (ליד) . . . . . 53

פּאָרטראַג פון כ' א. קאָרנייטשוק . . . . . . 5

ד. האָפּשטיין — שעווטשענקאָ און דאָס יידישע פאָלק כראָניק . . . . . . . . . 6


רעדקאָלעגיע.


דרוקערײַ א.נ. סטאַלין. 11½ דרוק־בויגנ. באַשט. 401. גלאַווליטבעל 286

# ארכיוו מאטעריאלן וועגן שאָלעם-אַליי-כעמען

זײַענדיק אין 1914 יאָר אפּ א פּאָרלעזונג אין ווילנע, האָט שאָלעם-אַלייכעם אָט וואָס געזאָגט אין א געשפּרעך וועגן דער ייִדישער ליטעראטור:

— „ייִדישע ליטעראטור! מיר פּארמאָגן שוין א ייִדישע ליטעראטור! אונדזער אוילעם האָט זיך דאָך אויסגעלערנט שרײַבן ייִדיש. עס איז דאָך א פּארגעניגן צו לייענען.

„איך דערמאָן מיך, וואָס פארא מין ייִדיש איך אליינ האָב געשריבן מיט 25 יאָר צוריק. איך שעם מיך, זאָג איך אײַך, ווען איך זע, ווי מע שרײַבט הײַנט.

„די ייִדישע ליטעראטור שטעלט זיך מיר פאָר ווי א קינד, וואָס האָט זיך אוועקגעלאָזט אינ מערכאקים און רײַך געוואָרן. דער אלטער פאָטער איז געקומען צום קינד און אז ער האָט דערזען עס רויוו גאָדליי וואאשורוי (זײַן גרויסקײַט און רײַכקײַט), איז ער מעוואָלוול געוואָרן.

„איך בינ געוועזן אינ אלע ייִדישע רעדאקציעס, ביכער-פארלאגן און ייִדישע קולטורעלע אינסטיטוציעס און איך האָב אָנגעקוואָלן פון נאכעס און גדולע זעענדיק, ווי אלץ האָט זיך צעבליט, צעצווײַגט און צעוואקסן אינדערלענג און אינדערברייט. דאָס הארץ פרייט זיך, וואָס טראָץ די שווערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באדינגונגען, וואקסן מיר אלס פאָלק. דאָס פאָלק וואקסט און בליט, און די צוקונפט פון אונדזער פאָלק איז דאפקע דאָ, אינ דעם דאָזיקן לאנד, ווו מיר לעבן. די שווערע צײַט וועט פאָריבער, די פינצטערע וואָלקנס וועלן פאנאנדערגיין, דער הימל וועט ליטער ווערן און די זונ וועט אונדז באווײַזן אירע שטראלן...“

מיט גרויס באגײַסטערונג האָט שאָלעם-אלייכעם גערעדט וועגן דער פּראָווינץ.

„עס בײַסן מיר פאָשעט די הענט. עס בעט זיך מאמעש שרײַבן פונע מײַנע ליבע קאסרילעווקער, פונעם לעבן פון די קליינע מענטשעלעך, אָט די קליינשטעטלדיקע מענטשן, וואָס ווילן נאָכמאכן די גרויסשטעטישע. וועגן דעם ווילט זיך שרײַבן, אָבער ניט ריידן.

עס איז נאָך, אדאנק גאָט, פאראנ וועגן וואָס צו שרײַבן. גוואלד, ווו נעמט מען יאָרן, ווו נעמט מען געזונט דערצו“.

אפּ דער פראגע מיט וועלכע ליטעראארישע פּלענער שאָלעם-אלייכעם טראָגט זיך ארום, וואָס האָט ער בעדייע צו שרײַבן, האָט שאָלעם-אלייכעם געזאָגט:



„איך וועל שרײַבן, ווי שאָלעם-אלייכעם שרײַבט. גאָר נײַע טיפּן, שפּאָגל-נײַע שוועבן פאר מײַנע אויגן. דאָס לעבן שטייט ניט אפּ איינ אָרט און דער שריפטשטעלער אויך ניט. קאסרילעווקע פּראָגרעסירט. מיר האָבן איצט צו טאָן מיט א פּראָגרעסיווער קאסרילעווקע, ניט מיט דער אמאָליקער“.

(„דאָס לעבן“ נומ. 108 (18, 21 מײַ 1914 י.)

## שאָלעם-אלייכעם וועגן זײַן רײַזע איבער רוסלאנד אין 1914 י.

(ווארשע, לאָדז, ווילנע, גראָדנע, ריגע, ביאליסטאָק, פּעטערבורג און מינסק)

א קאָרעספּאָנדענט באשרײַבט זײַנעם א געשפּרעך מיט שאָלעם-אלייכעמען.

„מיר שפּאצירן אין ווילנע, אין „באָטאנישן“ גאָרטן.

— „אוי, ווי גוט! — זאָגט שאָלעם-אלייכעם — זעט, עס וואקסט קראָפּיווע, קראָפּיווע וואקסט! עמעסער קאסרילעווקער קראָפּיווע, פון וועלכן ס'ווערט אפּ די פיס בלאָטערן... זעט נאָר, ווי ס'פליִען פליטערלעך, ווי שנייעלעך פאלן זיי! נאָר בא אונדז אינ רוסלאנד זעט איר זיי אזוי פיל פליִענדיק און פאלנדיק!... ס'א מעכאיע! יאָ, שווייץ איז שיינ, א רײַכע נאטור, אָבער שוין צופיל קולטיווירט, אפּנ שפּיץ פון העכסטן בארג... באם וואסערפאל... אומעטום זעסטו צייכנס פון מענטשנס הענט, וועלכע האָבן די נאטור אינ „ארענדע גענומען“... שטרײַכן קינסטלער איר שיינקײַט אונטער... מאכן פון איר געשעפט און ביזנעס...

„א נאטור ניט גערירט, אָט אזוי ווי זי איז, פון זײַן ליבן נאָמען, „קראָפּיווע-נאטור“ — זעט איר נאָר דאָ, אינ רוסלאנד! און כ'פיל זיך דאָ עפּעס אזוי היימיש, ס'דערמאָנט מיר מײַן יוגנט, מײַן קינדהײַט...

— „איר פרעגט, ווען איז בא מיר געבליבן צו פאָרן אינ רוסלאנד? אייגנטלעך, נאָך מיט דרײַ יאָר צוריק, באלד ווי כ'האָב זיך אָנגעהויבן פילן בעסער.

„מיילע, אז מע טאָר ניט פאָרן, ווען ס'איז דיר דאָס שטרענג פארבאָטן, איז די בענקשאפט ניט אזוי גרויס. וויבאלד אָבער, אז די דאָקטוירים האָבן מיר אזא רעסיִע דערלויבט, איז מיר דאָס זיצן געוואָרן מאמעש אומדערטרעגלעך. כ'האָב דערשפּירט א קרענקלעך בענקעניש... כ'האָב זיך קיינ אָרט ניט געפונען... דערווײַל איז מיר אונטערגעקומען די ביילים-געשיכטע, און פונוווײַטנס, אינ א פרײַ לאנד, איז די מײַסע אזוי מעגושעמדיק ווילד און די אוולע אזוי גרויס!

„נאָר באם ערשטן שטראל פון גערעכטיקײַט האָב איך מײַן טשעמאָדאנטשיק גענומען און געפאָרן קיינ רוסלאנד.

„וואָס נעענטער צו דער רוסישער גרענעץ, אלץ מער איז מײַן אומגעדולד געוואקסן... כ'האָב אינ די וואגאָן-שײַבעלעך געקוקט: שוין?

„און אז איך האָב דערזען דעם ערשטן רוסישן סלופּ מיט די שווארצווײַסע פּאסן; דעם ערשטן רוסישן זשאנדארם מיט די געזונטע פּלייצעס און דער ברייטער ברוסט, האָט מיך א מאָדנער געפיל באהערשט, א געפיל, אויסגעמישט מיט ווארעמקייט און קעלט, ליבשאפט און שרעק...

אינדערפרעמד, ווײַט פון דער היים, אָנלייענענדיק זיך מיט אלע צײַטונג-ידיעס, איז מיר אויסגעוויזן, אז אינ קאסרילעווקע ליגט שוין דער הימל אפּ דער ערד

און מײַנע קאסרילעווקער ליגנ אפ די פענימער. עס, „ניע טאק טשאָרט סטראשענ!” כ'האָב געטראָפנ ניט ערגער ווי פריִער. אלטע באקאנטע בילדער: אָט שטייט א גאָראָדאָווי, ארומגערינגלט פונ א מאכנע ייִנגלעכ, אונ עפעס א קאסרילעווקער האלט אימ באמ קנעפל פונ מונדיר, מאכט מיט די הענט, היצט זיכ אונ רעדט גיכ, גיכ. ער מוז אימ דערציילנ א מײַסע...

„— עס, נאָכ נישקאָשע, אלצ ווי אמאָל!...

„אונדזער יונגנ דאָר האָב איכ געפונענ אינ אסאכ א בעסערנ מאצעוו, ווי כ'האָב זיכ פאָרגעשטעלט.

„א נײַער דאָר וואקסט, א געזונטע יוגנט, ניט קיינ באטלאָנימ! הײַנט ייִדיש, ווי עס האָט זיכ דאָס א הויב געטאָנ! מע רעדט דאָכ מאמע־לאָשנ!..

„אינ ווילנע, זעט איר, האָב איכ גראָד געטראָפנ א „באַרישניע”, וואָס האָט זיכ גלײַכ מיט אלע, מיט מײַנער א פאָטאָגראפישער קארטע געשטופט הינטער די קוליסנ, אונ אז זי האָט זיכ ענדלעכ ארײַנגעשטופט, א פארשוויצטע, מיט א צעפלאמט פאָנעמ, האָט זי מיכ זייער געבעטנ: „פאָזשאלויסטא, נאפישיטע מניע כאָט טשטאָ ניבוד, פאָ רוסקי!”

„אונ געבעטנ האָט זי דאָס מיט אזא טמימעס, אז כ'האָב איר טאקע אָנגעשריבנ אפ רוסיש: „פאָרא פראָסיט פאָ יעווריייסקי”...

„נאָר אזעלכע זײַנענ דאָ ווייניק. אינ דער זעלבער צײַט איז לעבנ דער „באַרישניע” געשטאנענ א יונגערמאנ, פונ די אינטעליגענטנ, וואָס האָט מיר א שאָ צײַט געשאָטנ מיט בראָכעס אונ „ווינטשעוואניעס” אפ ייִדיש אונ דאפקע צומ גראמ. אונ ווענ כ'האָב אימ געוואָלט א ביסל אָפקילנ אונ אימ באמערקט, אז צו „שאָלעמ־אַלייכעמ” איז ניטאָ קיינ גראמ. איז „מײַנער” ניט ניספאָעל געוואָרנ אונ טאָכ קעדי־דיבער א זאָג געטאָנ:

— „כאָטש צו שאָלעמ־אַלייכעמ איז ניטאָ קיינ גראמ,
ווינטש איכ דאָכ אימ בראָכעס א יאמ!”...

„ייִדיש, הערט איר, דאָס איז אזא מינ גראָז, ווי מע זאָגט בא אונדז אינ וואָלינ: „ס'וואקסט מיט רוכעס!”... זײַענדיק צוגעדריקט פונ איינ זײַט דורכ די אָרטיקע שפראכנ, ווי רוסיש, פויליש, דײַטש א. א. וו., פונ דער אנדער זײַט דורכנ העברעיִש — אונ דאָכ ס'לעבט, ס'וואקסט אונ ס'לאָזט זיכ הערנ.

„אזא קויעכ האָט שוינ דאָס!..

„אפילע אינ אונדזער רעזידענצ, אינ סאמע פעטערבורג, די טאָנ־געבערנ אינ ייִדישער פאָליטיק, ווו די קאָנקורענצ־פאָליטיקערײַ איז אזוי גרויס, ווו מע לויפט אונ מע „ווישציגעוועט” זיכ איינס איבערנ אנדערנ, כאָלילע, ניט צוליבנ קאָוועד, נאָר אלצ לעשעמ־שאָמאַימ אונ טויוועס־האקלאָל, — אויכ דאָרט האָב איכ באמערקט, כאלעשט מענ מאמעש נאָכ אנ עכט־ייִדישנ וואָרט. פונ דער האלבדײַטשישער ריגע איז דאָכ אָפגערעדט. אוועק די יאָרנ פונ שעמענ זיכ מיט ייִדיש. מע רעדט הויכ, בעראָש גאָלוי, ווי זאָגט איר, ביפניי קאָל אמ וועיידע!

„אָט נעמט, לעמאָשל, ווארשע. פונוואנענ האָט זיכ דאָרט גענומענ אזא ווארעמע היציקע יוגנט? גאָר פלוצלינג, אינמיטנ דערינענ, פייסעכ, בא דער גרויסער שול, א גאנצע מאכנע באָכערימלעכ, מיט קנעפלעכ אפ די מונדירלעכ אונ צאצקעס אפ די



היטעלעכ, פארפלייצט א גאס, אינ באלד וווילעריש באשאפנ א ראָד, אויסגעפלאָכטענע הענט, ברענענדיקע אויגנ אונ — „ס'לעבע שאָלעמ־אַלייכעמ”! סאקאָנעס נעפאָשעס!

„ווי קאָנ איכ פארגעסנ יענע קריגעריש, אָבער זיסע מינוטנ פונ דעמ ניצאָכנ, איבער וועלכנ כעוורעס אונ פארייִנענ האָבנ זיכ — אלצ פונ מײַנ קאָוועד וועגנ — געאמפערט אונ געקריגט, מאמעש ווי יאנקעוו אָווינוס שטיינער אינ זייער צײַט...

„לאָדז — כ'וועל זי ניט פארגעסנ!

„כ'בינ געוועזנ דאָרט מיט זעקס אונ נײַנ יאָר צוריק. אויכ דאנ האָט איר יוגנט געמאכט אפ מיר דעמ בעסטנ רושעמ! געזונטע כעוורעלײַט אונ ניט קיינ באטלאָנימ! געפוצטע יונגענ אונ קנאקנ ייִדיש אפ וואָס די וועלט שטייט!

„אונ אויב לאָדזער יוגנט האָט זיכ איצט געענדערט, איז דאָס נאָר צומ גוטנ!

„דאָ, אינ ווילנע, איז מער ייִכעס, ווילנער אדל. ס'פאסט זיכ ניט קאָכנ — „טעוויע איז ניט קיינ ייִדענע”... מער מעיושעוודיק. איר טרעפט נאָכ דאָ די פארכאָלעמטע יונגעלײַט פונ יענע יאָרנ... א שווארצע בלוזע... לאנגע האָר... מער קאָפ, לאָגיק אונ ווינציקער ברענ אונ היספײַלעס...

„אונ נאָכ וואָס האָב איכ באמערקט:

„עפעס ליגט אפ דער ליטווישער יוגנט א שטיק שרעק. בעשאס זיי פאטשנ „בראוואָ”, קוקנ זיי זיכ ארומ אפ אלע זײַטנ, צי שטייט ניט ווער, וועמענ דאָס זאָל ניט געפעלנ...

דערהויפט איז דאָס מיר אויסגעקומענ צו זענ אונ באמערקנ אינ גראָדנע. הונדערטער יונגווארג האָבנ מיכ באגעגנט אונ באגלייט. אונ געשטאנענ זײַנענ זיי אזוי שטיל, רויִק. ס'האָט זיכ נאָר געפילט, ווי זיי אפלאָדירנ מיט די אויגנ... געשפירט האָב איכ באהאלטענע אויסגעשרייענ, מיט גוואלד־פארשטיקטע „הוראס”, אונ געשטאנענ זײַנענ זיי אזוי „סטאטיק” אונ נאָר געקוקט אפ אלע זײַטנ, אז מע זאָל ניט האָבנ צו וואָס זיכ צו טשעפענ...

„אינ ענגלאנד איז א מאָדע — קינדער שפילנ זיכ אינ פאָליטיק, פארלאמענט, ליידערס, וואלנ. אינ מינסק שפילנ זיכ די קינדער אינ ליטעראטור, גיבנ ארויס צײַטונגענ... איינ צײַטונג — אינ העברעיִש ארויסגעגעבנ — האָבנ מיר געבראכט צוויי קינדערלעכ, ליבהאָבער פונ געדרוקטנ וואָרט, אונ זעענ אויס ווי א צווילינג. ביידע אינײינעמ 17 יאָר אלט, איינס פונעמ אנדערנ אָפגערוקט אפ א יאָר (הײַנט טרעפט, ווער וויפל ס'איז אלט?), כ'האָב אינ זייער צײַטונג געפונענ אלצדינג, וואָס אינ די גרויסע... אונ ווי קליינע, האָב איכ זיי אפ דער פאָרלעזונג געזענ שטיינ אפ די פענצטער אונ ווי יונגע קינדער געלאכט, געקוועלט אונ אפלאָדירט, ווי די גרויסע...

„כ'בינ איבערגליקלעכ זענ דאָס אלצ. אונ הערט, כ'בינ פעסט איבערצײַגט, אז ניט קוקנדיק אפ דער איצטיקער געדריקטער שטימונג, אפ די שווערע בלײַענע וואָלקנס, געשטיקטע לופט, איז דאָכ ניט ווײַט די צײַט, ווענ ייִדנ וועלנ דאָ פארנעמענ זייער א בעקאָוועדיקנ אָרט, וועלנ שפילנ א געוואלדאָוונע ראָלע אינ רוסלאנד. מעגלעכ, אז כ'וועל דאָס שוינ מיט מײַנע אויגנ ניט זענ. נאָר זאָלנ כאָטש מײַנע קינדער זײַנ דערבײַ...



שאָלעם-אַלייכעם אויפן טויטן בעט.



„אוי, ווי גוט! הערט, ווי די „וואָראָנעס" קראַקען, זעט, ווי די פֿליטערלעך פֿליִען און פֿאַלן, ווי שנייעלעך פֿאַלן זיי!"...

פֿאַר זײַן אָפּפֿאָרן פֿון רוסלאַנד, האָט שאָלעם־אַלייכעם אָפּגעדרוקט אין דער פּרעסע פֿאָלגנדיקן בריוו:

## א בריוו אין רעדאקציע

„געערטע רעדאקציע!

„דערלויבט מיר דורך אייער ווערטער צײַטונג אויסצודריקן מײַן טיפֿסטן דאַנק פֿאַר דער זייער ווארעמער אופֿנאַמע, וואָס איך האָב געהאַט פֿון מײַנע פֿיל באַקאַנטע און נאָך מער אומבאַקאַנטע פֿרײַנט אין: ווארשע, לאָדז, בריסק, ביאַליסטאָק, פּעטער־בורג, ריגע, מינסק, גראָדנע, ווילנע, לידע, דווינסק, בענדין, סאָסנאָוויץ, קוטנע, טשענסטאָכאָוו, ראַדאָם, לובלין, סעדלעץ. אין פֿיל פֿון די אויסגערעכנטע שטעט און שטעטלעך איז די אופֿנאַמע געווען בעעמעס אזא פֿרײַנטלעכע און אזא נישט גע־קינצלט ברידערלעכע, אַז עס האָט מיך פֿאַשעט גערירט ביז טרערן.

„עס האָט מיך געפֿרייט צו זען, ערשטנס, אַז אין די עטלעכע יאָר פֿון מײַן אָפּגעריסן זײַן פֿון דער „היים", איז דער לעזער שטאַרק אויסגעוואַקסן און, צווייטנס, אַז צווישן אים און צווישן שריפֿטשטעלער איז פֿאַראַן עפּעס אַ באַזונדערע היס־טאָרישע, אַן איניווייניקסטע פֿאַרוואַנדשאַפֿט, וואָס מאַכט אונדז נאָענט און בינדט אונדז צוזאַמען.

„אָפּפֿאָרנדיק ווידעראַמאָל אַהין, אין די ווײַטע מעדינעס, „אָפּריכטן גאָלעס", ווינטש איך מיר נאָכאַמאָל זיך באַגעגענען דאָ מיט אַלע מײַנע פֿרײַנט, נאָר בא בע־סערע אומשטאַנדן און מיט מער פֿרייַלעכע הערצער.

**שאָלעם־אַלייכעם.**

ווארשע, 23/10 יול 1914 י."